**גוט שבת אלע אידן.** אונזער מעשה די וואך איז געשען מיט עטליכע אין 25 יאר צוריק. עס איז אמאל געווען א איד וואס האט נעבאך שטודירט אין אן "אוניווערסיטעט," א פלאץ וואו גוים שטודירען פארשידענע פאכן. דער איד האט געהייסן "יצחק" (נישט זיין עכטע נאמען). ב"ה, אז עס האט זיך אנגעכאפט אין יצחק א רוח תשובה, און ער איז געווארן א בעל תשובה. די פלא איז, אז ער איז געווארן א בעל תשובה בשעת ער האט שטודירט אין דעם אוניווערסיטעט, א פלאץ וואס איז נישט אזוי מסוגל צו יראת שמים. אין אמת'ן אריין האט יצחק געוואלט פארלאזן דעם אוניווערסיטעט ווען ער איז געווארן פרום. אבער, זיין רב האט אים נישט געלאזט, ווייל וויבאלד אז ער האט כמעט געענדיגט מיט דעם שטודירען, וועט עס זיין א שאד נישט צו ענדיגען שוין מיט לערנען זיין פאך.

בקיצור המעשה, האט יצחק געהאט גרויסע שוועריגקייטן מיט שמירת שבת אלס בעל תשובה אין דעם אוניווערסיטעט. פארשטייט זיך אז די גוים האבן נישט קיין השגה וועגן שבת קודש, און די חסר ידיעה האט גורם געווען שוועריגקייטן פאר אונזער יצחק'ן. ווען יצחק האט אונטערגענומען צו היטן שבת קודש, האט ער געוואוסט אז גארנישט וועט אים אוועקריקען פון זיין שטארקען החלטה.

איין טאג, ווען יצחק האט געהאלטן אין זיין לעצטע יאר פון דעם אוניווערסיטעט, איז אונטערגעקומען א שווערן מצב וואס האט געפראווט יצחק. פאר דעם נייען יאר, האט מען ארויסגעגעבן א ביכל וואס האט געהאט א ליסט פון אלע קלאסן, וואס מען האט געדארפט נעמען. יצחק האט דורכגעקוקט די לוח פון קלאסן און ער איז איבערראשט געווארן צו זען אז איינעם פון די קלאסן וואס ער האט געדארפט נעמען, איז נאר געווען אין שבת קודש! יצחק האט נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל אן די קלאס וועט ער נישט קענען ענדיגען דעם אוניווערסיטעט.

דעם נעקסטען טאג, האט ער זיך געמאלדען צו דער "הנהלה" פונעם אוניווערסיטעט, און ער האט מסביר געווען פאר זיי אז ער קען נישט נעמען די קלאס ווייל עס פאלט אויס שבת. יצחק האט געפרעגט די פראפעסורן (טיטשערס) אין די הנהלה, וואס אסאך פון זיי זענען געווען נעבאך משכילים. אבער, זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט פטרן יצחק פון דעם קלאס. אן די קלאס וועט ער נישט קענען ענדיגען! וואס זאל ער טון? ער האט גערופן און געשריבן בריוון אפילו צו די רעגירונג, אבער גאר נישט האט געהאלפן. ער האט געהאט מיטינגס מיט די הנהלה אבער זיי האבן געהאלטן פעסט אז כדי צו ענדיגען, וועט ער דארפן נעמען דעם קלאס אין שבת.

יצחק האט קיינמאל נישט געטראכט אפילו פאר איין מינוט אז ער וועט מחלל זיין דעם הייליגען שבת קודש, דעם טאג וואס איז געווארן אזוי באליבט ביי אים. אפילו ער איז נישט געווען פרום אזוי לאנג, האט אין דעם קורצן צייט ענטוויקעלט אין אים א גרויסע התלהבות פאר שבת. ער האט געווארט די גאנצע וואך צו זאגן: "ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אתו וכו'."

ער האט געטראכט אפשר צו פארלאזן שוין דעם אוניווערסיטעט, ווייל שבת איז געווען דאך ביי אים מער טייער ווי די טויזנטע דאלארס און הונדערטע שעות וואס ער האט אריינגעלעגט דורך עטליכע דריי יאר. אבער פארלאזן האט ער נישט אזוי שנעל געקענט טון. נאר, האט ער געהאפט אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן. די ערשטע טאג פון דעם קומענדיגען יאר האט זיך דערנענטערט, און די הנהלה האט זיך געהאלטן פעסט, אז יצחק מוז נעמען די קלאס. יצחק האט צוגעלייגט תפילות ביים סוף שמונה עשרה אז דער אייבערשטער זאל אים שיקן א ישועה. עטליכע טעג נאכדעם, איז טאקע געקומען די ישועה.

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון דעם מעשה וואס האבן א שייכות צו דער פרשה. יעדען טאג בעט מען פונעם אייבערשטען "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים..." ליידער זענען מיר נאך אלץ אין גלות. אבער, אפילו מען איז אינעם שווערען גלות, דארף מען גלייבן יעדע רגע אז דער אייבערשטער וועט ברענגען די גאולה. מיר ליינען וועגן די גאולה אין די וואכעדיגע סדרה. די פרשה רעדט די וואך וועגן דעם אנהייב פון דעם אייבערשטענ'ס אויסלייזען די אידישע קינדער פון מצרים.

פאר דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון גלות מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע אותות און מופתים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "...והרביתי את אותותי ואת מופתי בארץ מצרים." – און איך וועל מערן מיינע צייכענעס און מיינע וואונדער אין די לאנד פון מצרים. (שמות ז,ג) אזוי ווי מיר האבן עטליכע מאל שוין דערמאנט, חז"ל זאגן אז גלות מצרים איז געווען א דוגמה פאר אלע אנדערע גליות. אזוי ווי פאר דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידישע קינדער פון מצרים, האט ער באוויזן פארשידענע מופתים, אזוי אויך וועט עס זיין ווען דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזען פון דער היינטיגער גלות, ד"ה עס וועט זיין מיט אותות און מופתים.

ווי נענטער מען קומט צו די גאולה שלימה, ווייזט דער באשעפער מער און מער מופתים דורך השגחה פרטיות. משל למה הדבר דומה, די קינדער ווייסן אז עס וועט באלד זיין דער צייט צו עסן נאכטמאל ווען זיי שמעקען דעם ריח פונעם עסן ארויסקומען פון קאך. איז לאמיר שוין ענדיגען די פלא'דיגע השגחה פרטיות מעשה פון היינטיגע צייטן.

יצחק האט געווארט אויף א ישועה צו קענען היטן שבת און נישט דארפן אוועקווארפן זיין פאך וואס ער האט שטודירט אזוי לאנג. איין טאג איז טאקע געקומען די ישועה. פלוצלינג האט יצחק געהערט א גרויסע רעש פון סיירענס פון פייער לעשערס. ער איז ארויסגעגאנגען צו זען א ריזיגע פייער אין איינער פון די בנינים.

די פראפעסורן מיט יעדען איינעם האבן אנגעקוקט צו זען ווי די פייערלעשערס האבן פרובירט אויסצולעשן דעם פייער. די גוים זענען ארומגעשטאנען מיט געשטערטע פנימער צו זען ווי דער בנין ברענט. יצחק האט אבער געשמייכעלט צו זיך. וועלכע בנין איז דאס געווען? די פייער איז געווען אין דעם איינציגסטע בנין וואו די גרויסע קלאס האט געדארפט טרעפן אין שבת! יצחק האט געווארט ביז דעם סוף צו זען ווי דער בנין איז געווארן א בארג אש! ער האט באדאנקט דעם אייבערשטען פארן שיקן די ישועה.

דעם נעקסטען טאג האט מען מודיע געווען אז יענע קלאס איז בטל געווארן די יאר, ווייל אין דעם בנין האט מען נישט געקענט געבן די קלאס. פארשטייט זיך אז דורך דעם איז יצחק פטור געווארן פון נעמען דעם קלאס. די יאר האט ער געענדיגט דעם אוניווערסיטעט, און ער איז קיינמאל נישט צוריקגעגאנגען צו דעם פלאץ. ער האט חתונה געהאט און ער האט אויפגעשטעלט א שיינע אידישע שטוב, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן. **גוט שבת אלע אידן.**